

# הרה"ח ר' יהושע הלוי ווערצבערגער שליט"א (כו)

## דאס התמנות פון כ"ק הגה"צ אב"ד ריסקעווע ז"ל אלס אב"ד ור"מ שיכון סאטמאר בני ברק

איך געדענק דעם זמן ווען דער ציבור אנשי שלומינו אין ארה"ק האבן זוכה געווען צו ממנה זיין אלוף לראשם, ובשליחות הקודש פון רבי'ן ז"ל איז דער וועלט בארימטער גאון וצדיק כקש"ת רבי אברהם שלמה כ"ץ ז"ל אב"ד ריסקעווע ובעל אורחות המשפטים, וועלכער איז שוין געווען פון די גאוני הדור אינדערהיים, און פון די בארימטע רבנים מובהקים אין ניו יארק, שוין זייענדיג א זקן בן שמונים, איז ער געקומען ממלא זיין דעם כסא הרבנות אין שיכון קרית יואל בני ברק.דאס התרגשות און שמחהביים ציבור איז געווען זייער גרויס, דאס ערשטע מאל וואס די קהילה קדושה וואס האט אזוי שיין געבליעט נעמט אויף אן אייגענעם רב ומרא דאתרא. ביי אונז איז דאס געווען א ספעציעלער חשיבות, דער ריסקעווער רב איז דאך געווען א הייסער נאסאדער חסיד פונדערהיים, ממילא האבן מיר זיך געשפירט עקסטער היימיש. און ער האט אויפגעטרעטן מיט א שיינע 'איינצוגס דרשה' וואס האט באצויבערט דעם גאנצן ציבור.

דער רב האט געדאוונט אין אונזער ביהמ"ד אויף רחוב רמב"ם, וואס דאס איז געווען א נייע ביהמ"ד וואס אונזער עולם האט אויפגעבויעט, דארט האט דער רב אויפגעטרעטן מיטן איינצוגס דרשה.

## נסיעות ל"ג בעומר קיין מירון

אין בני ברק בין איך געווען עקסטער נאנט מיטן מנהל המוסדות הרה"ח ר' בנציון יאקאבאוויטש ז"ל, ער איז געווען א געוואלדיגער אויפטוער, און א גאר ענערגישער עסקן - ער פלעגט אויפטרעטן ביים דינער פון די ארטיגע מוסדות מיט הערליכע דרשות וואס האט באצויבערט דעם ציבור - און איך פלעג איהם ארויסהעלפן מיט פארשידענע עסקנות לצרכי הכלל.

צווישן אנדערע האב איך ארגאניזירט די יערליכע נסיעה פאר אנשי שלומינו חסידי סאטמאר ב"ב קיין אתרא קדישא מירון יעדן ל"ג בעומר, און איך פלעג זיך בעפאר אוועקזעצן מיט ר' בנציון איבערגיין די פלענער פון די נסיעה, און דער גאנצער ציבור איז געקומען זיך איינשרייבן ביי מיר, און ב"ה עס האט זיך אלעמאל אויסגעארבעט מיט הצלחה.

נאך אלס בחור פלעגן מיר פארן קיין מירון אויף ל"ג בעומר און איינמאל זענען מיר דארט פארבליבן פראווען דעם שב"ק בצל התנא אלקי, אויך מו"ר הגה"ק רבי משה ארי' ז"ל מיט זיין רביצין ע"ה איז געקומען מיט אונז אויף יענעם שב"ק נאך ל"ג בעומר קיין מירון, זיי זענען איינגעשטאנען ביים ארטיגן בעקער און מיר זענען דארט געשלאפן ממש אינדרויסן, ווייל עס איז נישט געווען געהעריג ווי צו איינשטיין. מיר האבן אויסגעשפרייט שטרוי אויף דער ערד און אזוי זיך אראפגעלייגט שלאפן

## מ'ציעהט זיך קיין אמעריקע

בסך הכל האבן מיר געוואוינט אין בני ברק בערך פיר יאר, און ווי געזאגט האבן מיר עוסק געווען אין פרנסה על המחיה ועל הכלכלה אין תל אביב, וואו מיר האבן געארבעט מיט שטיינער און דימאנטן, און פרובירט ארויסצוהעלפן מיט אלע עניני עסקנות לטובת הכלל וואס איז געווען שייך.

בשנת תשכ"א האט מיין פאטער ז"ל מחליט געווען אז ער קומט קיין אמעריקע. עס איז געווען זייער שווער סיי מיטן וואוינען אין כפר עטה , און ער האט זיך געמוטשעט פאר פרנסה, פארברענגענדיג אזוי ווייט פון שטוב אויף לאנגע וואכן און חדשים, און דא האט ער שוין געהאט חתונה געמאכט א טאכטער קיין אמעריקע, האט דאס אויסגעזען צו זיין דער בעסטער אויסוואל, בפרט ווען ס'איז געווען נכספה וגם כלתה נפשי לחצרות ה' זיך צו קענען



הגה"צ אב"ד ריסקעווע ז"ל מיט הגאון האדיר בעל שבט הלוי זצ"ל

מסתופף זיין בצל הקודש פון מרן רביה"ק ז"ל.

דעמאלטס האב איך שוין אויך אנגעהויבן צו מאכן חשבונות פון צו קומען פארן קיין אמעריקע. מיין מצב הפרנסה איז אויך נישט געווען דאס בעסטע, און מ'האט שטארק געקלערט אז אין אמעריקע זענען דא בעסערע אויסזיכטן פאר פרנסה.

ווי אויך האט צוגעגעבן דער פאקט אז טראץ דעם וואס ס'איז נישט געווען אין יענע יארן אזוי לייכט צו קומען קיין אמעריקע, די אמעריקאנער רעגירונג האט נישט געגעבן אזוי לייכט קיין וויזע, אבער היות איך בין געווען א טשעכישער בירגער, און די טשעכישע קוואטע איז געווען פריי, און בירגער פון טשעכיי האבן לייכט באקומען א וויזע קיין אמעריקע, דעריבער האב איך אויסגעניצט די געלעגנהייט און געמאכט שריפטן צו קענען קומען קיין אמעריקע. און דאס האט זיך אויסגעשטעלט במציאות אז ענדע יאר תשכ"ב האבן מיר זיך ארויסגעלאזט לחיים ולשלום אויפ'ן וועג קיין אמעריקע.

## טוב שכן קרוב

לאמיר אביסעלע דערציילן איבער מיינע ערשטע טריט על אדמת אמעריקע.

ווי געזאגט, זענען מיר אנגעקומען קיין ניו יארק סוף זומער תשכ"ב. איך האב באקומען דעמאלט א דירה אויף בעדפארד עוועניו, קארנער ווילסאן סטריט. ס'איז געווען אינעם זעלבן בנין פונעם קאפישער ביהמ"ד, אפגערוקט נישט מער ווי צוויי בנינים צום גרויסן סאטמארער ביהמ"ד נעפ מענטשאן.

דער בנין האט געהאט פינף שטאק, אין דעם בנין האט אויך געוואוינט הרה"ח ר' יהושע מאנדל ע"ה, וועלכער האט געהאט א גרויסע שטוב מיט צען קינדער. אויפ'ן פינפטן שטאק האט מיין טאטע ז"ל געוואוינט אין א האלבע דירה וואס די פענסטער האבן ארויסגעקוקט צו בעדפארד עוועניו, און מיר האבן באקומען די צווייטע טייל פונעם הויז וואס די פענסטער האבן ארויסגעקוקט צום בעק-יארד.

דער מצב פון די דירה איז געווען זייער נישט גוט, ס'איז געווען ממש געווען א חורבה. יעדע ווינט וואס האט געבלאזן האבן אלע פענסטער געציטערט. ס'איז געווען אין ווינטער ביטער קאלט. איך געדענק נישט איינמאל אין ווינטער ווען מ'האט אויפגעהאנגען די וועש צו טרוקענען, איז עס פארפרוירן געווארן פון קעלט. די סְטִים האט געארבעט מיט דאמף, ס'האט אלעמאל געמאכט א גרויסע רעש, אזוי האט מען כאטש געוואוסט אז ס'ארבעט סְטִים, ווייל שפירן ווארעמקייט וואס ס'האט ארויסגעגעבן איז געווען שוואכע מעשיות.



הגה"צ אב"ד ריסקעווע זצ"ל

אבער לאמיר רעדן פונעם חלק הטוב פון די דירה. פון די אונטערשטע פענסטער פון די דירה האט מען ממש געקענט אריינקוקן אין די פענסטער פון ביהמ"ד.

און מ'האט פון אונזער הויז געקענט זען ווי מ'האלט ביים דאווענען, כאטש וואס דעם רבי'ן האט מען פון די פענסטער נישט געקענט זען. אבער ווען ס'איז געקומען שמחת תורה צו די הקפות, און דער רבי האט געפראוועט זיין מסירות נפש'דיגע עבודה, לויפנדיג רינגס און ארום דאס ביהמ"ד, דעמאלט האט מען זייער גוט געקענט זען פון אונזער דירה וויאזוי דער רבי לויפט מיט די ספר תורה מעוטף בטליתו, און מיר האבן אפילו געזען די צוויי הייליגע פאות וואס פליען אויף ארונטער דעם רבי'ן בשעת ווען ער איז אזוי געלאפן. כאטש מיר זענען געווען אפגערוקט עטליכע הייזער פון ביהמ"ד, האט די דירה געציטערט פון דעם גרויסן פייער און ברען און די פלאם-פייערדיגע ריקודים אין ביהמ"ד אז ס'האט זיך גאר שטארק געשפירט ביי אונז.

## דעם רבי'נס עבודה אין די ימים נוראים

אנקומענדיג קיין אמעריקע האב איך געזוכט קרבות און פראטעקציע זיך צו קענען מסדר זיין. הרה"ח ר' אברהם ווערצבערגער ז"ל שו"ב איז געווען פון די נאנטע מקורבים ביים רבי'ן, א שכן טוב וואוינענדיג א שטאק העכער'ן רבי'ן, און גבאי אין ביהמ"ד. ער איז אונז געווען אן עלטער פעטער, וואס זיין רביצין די מומע ברכה ע"ה איז געווען די טאכטער פונעם זיידן הרה"ח ר' בן ציון ווערצבערגער שו"ב פון סטרימבא. אזוי אלס עלטער פעטער און מחותן האבן מיר זיך געשפירט גאר נאנט מיט אים. ממילא האב איך געבעטן פון ר' אברהם אז איך וויל האבן א גוטן זיץ אויף די הייליגע טעג.

איך האב דעמאלטס באקומען א זיץ אין בית שני.

דער בית שני איז געווען פארנט פון מזרח וואנט פון בית המדרש הגדול, א גרויסע צימער וואס במשך פון דער וואך פלעגט מען דארטן לערנען שיעורי תורה און דאווענען, שבת ויו"ט איז דארט געווען זיצן, און אין וואנט פון בית שני איז געווען לעכער וויאזוי מ'האט געקענט אריינקוקן אין בית המדרש און מיטהאלטן דאס דאווענען, און אין פארשידענע פעלער האט מען דארט געקענט בעסער זען און הערן דעם רבי'ן ווי אין בית המדרש.

מיין שכן איז געווען הגה"צ ר' זלמן לייב מייזליש ז"ל, דער סיגעטער רב, וועלכער איז נאך דעמאלטס געווען א יונגערמאן וואס האט עוסק געווען אין מסחר.

טאקע ביי די וואנט פון בית שני פלעגט מען חנוכה עפענען א טיר און דער רבי פלעגט דארט צינדן די מנורה פון שנת תשכ"ה און ווייטער.

מ'דארף פארשטיין מיינע געפילן פון דעמאלטס אז איך זייענדיג א יליד סאטמאר און שפעטער אין חיפה, איז דאס קומען קיין אמעריקע און זיך געפינען אין גרויסן סאטמארער בית המדרש בצל קדשו פונעם רבי'ן איז געווען ביי מיר אסאך חידושים, איך האב געזען אסאך זאכן וואס איך האב קיינמאל נישט געזען און נישט געוואוסט.

דאס בית המדרש האט געהאט פארשידענע שיינע מאלערייען אויף די ווענט, די נשים זענען געווען אין ווייבער שול וואס איז געווען עטליכע שטאק העכערן ביהמ"ד, און עס איז געווען א לאך אין דאך אז מ'האט געקענט ארויפהערן דעם דאווענען.

**פּאָרזעצונג קומט אי"ה**

אין יענע יארן, נאכדעם וואס איך בין שוין דא געווען, האט מען געבויט די גאלעריע אין ביהמ"ד, אזוי אז די מענער זענען אויך געזעצן אויף א גאלעריע וואס איז געלאפן אויפן דרום וואנט און מערב וואנט פון גרויסן ביהמ"ד.

מלתא דתמיהא מידכרי אינשי וואס איך געדענק, ר"ה אינמיטן כתר האט זיך עפעס צוקלינגען אין ביהמ"ד אן אלארם, און פון ווייבער שול האט מען געהערט קולי קולות און געלויפערייען פון שרעק פון די נשים צדקניות, איך האב נישט געוואוסט וואס דער אלארם איז, אבער דער עולם אין ביהמ"ד האט ארויפגעשריגן ס'איז גארנישט, אז מ'זאל זיך בארואיגן. ביי מיר איז אזא מהפכה אינמיטן דאווענען געווען גרויס נייעס, ווייל אין כפר עטה האט דאס נישט פאסירט..